# שלוש מתנות

**א. על־יד המאזנים של מעלה**

לפני שנים ודורות נפטר יהודי.

מילא, יהודי נפטר — לעולם לא יחיה גבר! — גומלין אתו את החסד האחרון: מביאים אותו לקבר ישראל.

שב האדם לעפרו.

נסתם הגולל. היתום אומר „קדיש". המלוים תולשים עשבים, וורקים לאחוריהם ושבים... והנשמה — חלק אלוה ממעל — עפה למרומים, לעמוד למשפט לפני הבית־דין של מעלה...

ותתייצב לפני הבית־דין של־מעלה, והמאזנים לשקול בהם את העבירות והמצוות תלויים ועומדים...

ובא הסניגור של הבר־מנן, זה שהיה למטה יצרו הטוב, ובידו תרמיל בהיר ולבן כשלג. ויתייצב על־יד המאזנים — לצד ימין.

ובא הקטיגור של הבר־מנן, זה שהיה שם יצרו הרע, המסית המדיח, ובידו תרמיל שחור ועכור, והתייצב על־יד המאזנים — לצד שמאל.

וניתן אות —

והתחיל הסניגור לשפוך מן התרמיל הלבן, אל כף המאזנים הימנית — מצוות, והן נוצצות כאבני־החן, וריחן נודף כריח הבשמים הטובים...

ושופך הקטיגור מן התרמיל השחור לתוך הכף משמאל — עבירות, והן שחורות כפחם וריחן כריח הזפת הבוערה...

והנשמה רואה ומשתוממת.

לא עלה שם על דעתה, שכך נשתנו פני המעשים. שם לא יכלה להבחין לפעמים בין טוב ורע; לפרקים החליפה זה בזה...

והכפות מתנועעות אט, אט.

עולות הן, זו אחר זו; כחוט־השערה למעלה, כמלוא־הנימה למטה...

רק כמלוא־הנימה:

יהודי פשוט היה; בלי „להכעיס" ובלי „מסירות־נפש".

והמעשים פעוטים, גם הטובים וגם הרעים: גרגרים, רסיסים; לפעמים אבק — העין אינה תופסת...

ואף־על־פי־כן, כשימין מכריעה, העולמות העליונים מתמלאים רנה; וכששמאל מכריעה, אד של עצבות עולה ועוטף, כביכול, את כסא־הכבוד, וקול השכינה המנהמת חודר מתוך הערפל והולך מסוף העולם ועד סופה:

— קלני מראשי, קלני!

והללו עומדים בכובד־ראש ושופכים. „כל־שהוא" אחר „כל־שהוא", לאט ובכונה, כבעלי־בתים פשוטים, העומדים על המקח של „אתה הראית", ומוסיפים פרוטה אחר פרוטה, פרוטה אחר פרוטה...

אבל גם לשאיבה מן הבאר יש קץ: הורקו התרמילים!

האב־בית־דין שואל ממקומו:

— גמרו?

והקטיגור עם הסניגור הופכים בבת־אחת את התרמילים, לאמר:

— הורקו!

ונגש אל המאזנים השמש, וגם הוא מלאך בתוך שאר המלאכים, וירא דבר, אשר לא היה מיום ברוא אלהים שמים וארץ, ויעמוד משתאה.

— למה הוא בושש שם? — שואל האב־בית־דין בקוצר־רוח.

והשמש, בעינים צמודות אל לשון הפלס, עונה בקול משונה:

---

— באמצע!

— הסתכל שנית ודוק!

והסתכל שנית: לשון הפלס עומדת באמצע, בלי נוע.

פרץ

# דריי מתנות

—א.—

אויבן ביי דער וואָג

א מאָל, מיט יאָרן און דורות צוריק, איז ערגעץ נפטר געוואָרן א ייד.

מילא, א ייד איז נפטר געוואָרן — אייביק לעבן קאָן מען נישט — טוט מען אים זײַן רעכט... ברענגט מען אים צו קבֿורת ישראל.

נאָך סתימת הגולל[1], דער יתום זאָגט קדיש — פֿליט די נשמה אַרויף, צום משפט, צום בית־דין של מעלה...

קומט זי אַרויף, הענגט שוין דאָרט פֿאַרן בית־דין די וואָג, אויף וועלכער מען וועגט די עבֿירות און די מצוות...

קומט דעם בר־מיננס סניגור[2], זײַן געוועזענער יצר־טובֿ — שטעלט זיך מיט א קלאָר ווײַס זעקל ווי שניי אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט...

קומט דעם בר־מיננס קטיגור[3] — זײַן געוועזענער יצר־הרע, דער געוועזענער מסית ומדיח[4] — און שטעלט זיך, מיט א קויטיק זעקל אין דער האַנט, בײַ דער וואָגשאָל אויף דער לינקער זײַט...

אין ווײַסן קלאָרן זעקל זײַנען מצוות, אין ברודיק שוואַרצן זעקל — עבֿירות. שיט דער סניגור, פֿון שניי־ווײַסן זעקל אויף דער וואָגשאָל פֿון דער רעכטער זײַט, מצוות — שמעקן זיי ווי פּאַרפֿומען און לײַכטן ווי די שטערנדלעך אין הימל.

שיט דער קטיגור פֿון ברודיקן זעקל אַרויס, אויף דער וואָגשאָל פֿון דער לינקער האַנט, עבֿירות — זײַנען זיי, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, שוואַרץ ווי קויל און א ריח האָבן זיי — סאַמעראָדנע[5] פּעך און סמאָלע.

שטייט אַזוי די אָרעמע נשמה און קוקט, און גאַפֿט — זי האָט זיך גאָר נישט געריכט, עס זאָל זײַן אַזאַ חילוק צווישן גוט און שלעכטס; דאָרט האָט זי גאַנץ אָפֿט ביידע נישט דערקענט, איינס פֿאַר דאָס אַנדערע גענומען.

און די וואָגשאָל הייבט זיך פּאַמעלעך, אַרויף און אַראָפּ, א מאָל די, א מאָל יענע... און דאָס צינגל בײַ דער וואָגשאָל אין דער הויך ציטערט, נעמט זיך אויף א האָר לינקס, אויף א האָר רעכטס...

נאָר אויף א האָר... און נישט מיט א מאָל! א פּראָסטער ייד געווען, אָן גרויסע להכעיס, ווי אויך אָן קידוש השם... אַזוי — קליינע מצווהלעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך... טייל מאָל — קוים מיטן אויג צו דערזען.

און פֿון דעסט וועגן, אַז דאָס צינגל רוקט זיך אויף א האָר רעכטס, הערט זיך אין די עולמות העליונים א קלאַנג פֿון שמחה, פֿון נחת; רוקט זיך עס אָבער, חס ושלום, לינקס, שלאָגט זיך אַרויס א זיפֿץ פֿון עצבֿות, ביז עס דערגרייכט צום כּסא הכּבֿוד.

און די מלאָכים שיטן פּאַמעלעך, מיט כּוונה, א שרויט נאָך א שרויט, א שטויב נאָך א שטויב, ווי פּשוטע באַלעבאַטים ליציטירן אַתּה הראית[6] א פּרוטה נאָך א פּרוטה...

נאָר א ברונעם שעפּט זיך אויך אויס, די זעקעלעך ווערן ליידיק.

— שוין? — פֿרעגט דער בית־דין־שמש — אויך א מלאך צווישן אַלע מלאָכים.

דער יצר־טובֿ, ווי דער יצר־הרע, דרייען־אויס די זעקלעך קאַפּויר: נישטאָ מער! און דעמאָלט גייט דער שמש צו צום צינגל זען, ווו עס האָט זיך אָפּגעשטעלט: רעכטס צי לינקס.

קומט ער און קוקט אַזוי, און זעט אַזוינס, וואָס עס איז נאָך נישט געשען, זינט הימל און ערד זײַנען באַשאַפֿן געוואָרן...

— וואָס דויערט אַזוי לאַנג? — פֿרעגט דער אַב־בית־דין.

שטאַמלט דער שמש:

— גלײַך! דאָס צינגל שטייט אין סאַמעראָדנער מיט!...

די עבֿירות האָבן גלײַך געוויגן מיט די מצוות.

— אַקוראַט? — פֿרעגט מען נאָך א מאָל פֿון בית־דין של מעלה טיש.

קוקט ער נאָך א מאָל דער שמש און ענטפֿערט:

— אויף דער האָר!

ומאת הבית־דין של־מעלה, אחרי משא־ומתן ארוך, ורוב שקלא־וטריא, יצא פסק־דין כהאי לישנא:

„היות שלא עלה משקל המעשים הרעים על משקל המעשים הטובים — לא מן הדין הוא, שירד הנדון לגיהנום;"

ולאידך גיסא:

„היות שהמצוות והמעשים הטובים לא הכריעו את העבירות והמעשים הרעים — סגורים ומסוגרים לפניו שערי הגן־עדן;"

על כן: „נע ונד יהיה!"

„תרחף לה הנשמה באויר העולם, בין השמים ממעל ובין השאול מתחת — עד אשר יעלה זכרונה לפני היוצר ויפקדנה לטוב, ויחוננה"...

ומוליך השמש את הנשמה לחוץ, והיא מתייפחת...

— מה לך, נשמה, כי תתמיז — דובר על לבה המלאך — אם אין לך משמחת הגן־עדן, הלא נצלת גם מאשו של גיהנום. לא מן הדבש ולא מן העוקץ!

אבל הנשמה אינה מקבלת תנחומים: טובים כל היסורים שבעולם מן האפס. „הלא־כלום — אומרת היא — נורא מכל".

ונכמרו עליה נחומי המלאך, ויאמר אליה ברחמים רבים:

— „שמעי בקולי, נשמה עגומה, ואולי ייטב לך באחרית הימים. רדי השפילי לרחף, סובי את האדמה מלמטה.

„אל השמים אל תשאי עין, כי מה תחזי שם בשמים מעבר משמי כוכבים, אין כל זולתי כוכבים! והכוכבים בריות קרות הם. הם רואים הכל, סוקרים הכל — ומחשים... הם לא יעלו זכרונך לפני האלהים, ולא ישתדלו בעבורך לפני הכסא... מאורות הם, ואורם — אור קפאון...

„משתדלים לפעמים ומזכירים נשמות אומללות לפני הכסא רק בני דורם — הצדיקים היושבים בגן־עדן...

„בגן־עדן הם יושבים, רוחצים באור, נהנים מזיו השכינה... ולעתים עולה לפניהם זכר בני דורם, ומתמלאים הם רחמים על נשמות נענות ונדחות, ועולים הם ומזכירים ומשתדלים...

„וצדיקי דורך, אלה שמקרוב באו — האמת נתנה להאמר! — אוהבים מתנות...

„זאת איפוא עשי, נשמה אומללה:

„עופי למטה, סובי, כאשר אמרתי, את האדמה, התבונני בעינים פקוחות לכל הנעשה שם בין החיים. ואם תראי דבר טוב, דבר יפה, יוצא מן הכלל, חטפי והביאי אותו תיכף ומיד מתנה לצדיקים בגן־עדן... דפקי אל השוער בשמי ויקבל...

„ואם שלוש מתנות תביאי, בטחי בי, שיפתחו לך שערי הגן־עדן"...

וברחמים גדולים הוציא השמש את הנשמה אל מחוץ לשמים ויסגור את השער אחריה...

### ב. המתנה הראשונה

ותתעודד הנשמה, ותפרוש כנף, ותעף למטה, ותסוב את האדמה, ותרחף על פני ערים וכל מיני מושב...

בשרב החמה הלוהטת בקיץ; בתוך הרביבים בימות הגשמים; בין קורי־העכביש, התלוים באויר בסוף הקיץ; בתוך המון קשקשי השלג, היורדים מלמעלה בחורף...

איש יהודי הולך, והיא חרדה אליו ומסתכלת לתוך עיניו; אפשר הולך הוא לקדש את השם...

ובלילות מתבוננת היא אל כל קרן אור החודרת מבעד לסדקי התריסין, — אפשר גדלים שם בסתר האוהל פרחי־שמים נותני ריח: מעשים טובים בצנעא!

אך לשוא! נרתעת היא פעם בפעם לאחוריה מפחד — מעיני האדם, כמסדקי התריסין...

עתים נשתנו, זמנים נתחלפו, יובל אחרי יובל עבר; ערים נהרשו והיו לשדות, נכרתו יערות ונבנו מושבות; סלעים על

האט דאס בית־דין של מעלה אַ ישובֿ און גיט, נאָכן ישובֿ הדעת, אַרויס אַ פּסק כּהאי לישנא [7]:

„היות די חטאים וועגן נישט איבער די מעשׂים טובֿים — קומט דער נשמה קיין גיהנום נישט...

און פֿון צווייטן צד — וועגן די מצוות נישט מער פֿאַר די עבֿרות, — קאָן מען איר נישט עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן.

על כּן נע־ונד זאָל זי זײַן...

זאָל זי אַרומפֿליִען אין דער מיט, צווישן הימל און ערד — ביז גאָט וועט זיך אָן איר דערמאָנען און דערבאַרעמען זיך און צורופֿן צו זיך מיט זײַן גנאָד".

און דער שמש נעמט די נשמה און פֿירט זי אַרויס.

יאָמערט נעבעך די נשמה און קלאָגט אויף איר מזל.

— וואָס וויינסטו אַזוי? — פֿרעגט ער זי — וועסט נישט האָבן קיין נחת און פֿרייד פֿון גן־עדן, וועסט דו דאָך אָבער אויך נישט האָבן קיין צער און יסורים פֿון גיהנום, — קווית [8]!

די נשמה אָבער לאָזט זיך נישט טרייסטן:

— בעסער די גרעסטע יסורים, זאָגט זי, איידער גאָר נישט! גאָר נישט איז שרעקלעך!

קריגט ער אויף איר, דער בית־דין־שמש, רחמנות, גיט ער איר אַן עצה:

— פֿלי — זאָגט ער איר — נשמהלע, אַראָפּ און האַלט זיך ני־דעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט... אין הימל אַרײַן — זאָגט ער — קוק נישט... ווּאָרעם וואָס ווּעסטו זען אין יענער זײַט הימל? גײַערט שטערנדלעך! און דאָס זײַנען ליכטיקע, נאָר קאַלטע ברואים, זיי ווייסן פֿון קיין רחמנות נישט, זיי וועלן זיך נישט מיִען פֿאַר דיר, זיי וועלן גאָט אין דיר נישט דערמאָנען... מיִען זיך פֿאַר אַן אָרעמער פֿאַרוואָגלטער נשמה קאָנען נאָר די צדיקים פֿון גן־עדן... און זיי, הער, נשמהלע, זיי האָבן ליב מתּנות... שיינע מתּנות... עס איז שוין — גיט ער צו ביטערלעך — די טבֿע פֿון הײַנטיקע צדיקים! פֿלי זשע, נשמהלע — זאָגט ער ווײַטער — נידעריק אַרום דער לעבעדיקער וועלט און קוק זיך צו ווי עס לעבט זיך, וואָס עס טוט זיך. און דערזעסט דו עפּעס אַזוינס, וואָס איז אויסטערליש שיין און גוט, כאַפּ עס און פֿלי דערמיט אַרויף; עס וועט זײַן אַ מתּנה פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן... און מיט דער מתּנה אין דער האַנט זאָלסטו אָנקלאַפּן און מעלדן זיך אין מײַן נאָמען בײַם מלאך פֿון דער פֿאָרטקע [9]. זאָג: איך האָב געהייסן!... און אַז דו וועסט האָבן גע־בראַכט דרײַ מתּנות, זײַ זיכער — וועלן זיך פֿאַר דיר עפֿענען די טויערן פֿון גן־עדן, זיי וועלן פֿועלן... בײַם כּסא הכּבֿוד האָט מען ליב נישט די פֿײַן געבוירענע, נאָר די אויפֿגעקומענע...

און אַזוי ריידנדיק, שטופּט ער זי מיט רחמנות פֿון הימל אַרויס.

פֿליט עס אַזוי, דאָס אָרעמע נשמהלע, נידעריק איבער דער לעבעדיקער וועלט, און זוכט מתּנות פֿאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פֿליט אַרום און אַרום, איבער דערפֿער און שטעט, ווו נאָר אַ שטיקל ישובֿ, — צווישן ברענענדיקע שטראַלן אין די גרעסטע היצן; אין רעגנצײַט — צווישן טראָפּנס און וואַסער־נאָדלען; סוף זומער — צווישן זילבערנעם שפּינוועבס, וואָס הענגט אין דער לופֿט, ווינטער צווישן די שנייעלעך, וואָס פֿאַלן פֿון דער הייך... און קוקט און קוקט, און קוקט זיך די אויגן אויס...

ווו זי דערזעט אַ ייִד, פֿליט זי האַסטיק צו און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן — צי גייט ער נישט מקדש השם זײַן?

ווו עס לײַכט זיך בײַ נאַכט דורך אַ שפּאַלט פֿון אַ לאָדן — זי איז דאָ און קוקט־אַרײַן, צי וואַקסן ניט אין דער שטילער שטוב גאָטס שמעקנדיקע בלימעלעך — באַהאַלטענע מעשׂים־טובֿים?

ליידער!... מערסטנטיילס שפּרינגט זי אָפּ פֿון אויגן און פֿענצ־טער, דערשראָקן און פֿאַרציטערט...

און אַז עס גייען ווײַטער פֿאַרבײַ זמנים און יאָרן, פֿאַלט זי כּמעט אין אַ מרה־שחורה אַרײַן. פֿון שטעט זײַנען שוין בית־עלמינס געוואָרן. בית־עלמינס האָט מען שוין אויף פֿעלדער צעאַקערט; וועל־דער האָט מען אויסגעהאַקט, פֿון שטיינער בײַ וואַסערן איז זאַמד

שפת־הים ניתצו ואבניהם נשחקו והיו לאבק; רבבות כוכבים נפלו ממרומים, רבבות נשמות עיפות עלו למרום — ואין דבר, אין „יוצא מן הכלל״!

ותריד הנשמה:

החיים עניים הם כל־כך, הנשמות כל־כך בינוניות ואפורות... והאדם שח ושפל — אין מעשים נעלים ויפים! נדחת אני לעולם...

ובעודה הוגה במרי־שיחה, ובעיניה נגעה שלהבת... באישון לילה, בחשכת האפלה, פורץ להב מתוך חלון גבוה...

שודדים התנפלו על מעונו של „גביר״.

בידי האחד אבוקה דולקת — הוא מאיר. משנהו שולח סכין אל חזה הגביר: „אם תניע יד ואם תפצה פה — מעברך השני יצא הלהב״ והנותרים בוזזים.

והיהודי עומד כנגד הסכין שוקט. לא ינוד עפעף, גם שערה אחת מזקנו הלבן, היורד עד אבנטו, לא תזוע. הוא חושב:

— ה׳ נתן וה׳ לקח, יהי שם ה׳ מבורך!

ושפתיו דובבות בלחש:

— עם עשרי לא יצאתי מרחם אמי לאויר־העולם, ואותו לא אקח עמי בשובי אל אדמתי...

ואולי מפקיר הוא את אשר לו...

ומנוחתו שלימה. והשודדים פותחים תיבות וארגזים, מוציאים מהם כסף וזהב וכל מיני תכשיטין... ומקום סתר מצאו בתחתית הארגז, ונמלאו שמחה: פה הוא היקר מכל! וצרור קטן הוציאו מן המסתור וביקשו להתירו...

ופתאום הגביר הושיט יד, פצה פה — — —

אך תחת קול דברים פרץ מחזהו סילון אדום — דם רותח... הסכין עשה את שלו; נפל הגביר...

והשודדים טעוה טעו; לחנם נשפך הדם.

לא כלי כסף וזהב ולא אבנים טובות ומרגליות היו בצרור, כי אם קומץ עפר מאדמת־הקודש, למראשותיו בהגיע יום פקודתו...

את צרור־העפר ביקש להציל...

ותעט הנשמה ותחטוף רסס מאבק העפר הרווה מדם הגביר ותעל, ותעף למרום... דפקה על השער, והמתנה הראשונה נתקבלה...

### ג. המתנה השניה

ותשב הנשמה, ותעף למטה...

— רק עוד שתי מתנות! — קרא אחריה השוער.

והיא עפה ומייחלת — —

אבל עוד הפעם עברו זמנים ומועדים ואין דבר יפה.

ושבה הנשמה ליגונה, והיא חושבת:

כמעין זך פרץ העולם מרצון האלהים אל תוך שטף הזמן, והוא הולך וזורם, הולך וזורם... וכל שהוא מתרחק ממקורו הטהור, כן מוסיף הוא לספוג לתוכו את הגשמיות מאת החולין. והמים הטהורים נעשים דלוחים ועכורים... והולך האדם הלוך וקטן, ומתמעטים המעשים הטובים והרעים, והמתנות בשביל השמים הולכות ופוחתות.

ועולה על לבה:

לו העמיד האלהים למשפט את כל העולם כולו בבת־אחת, לשקול בפלס את כל מעשי בני האדם יחדיו... נוע תנוע לשון הפלס ימים רבים, ימים רבים. תנועה לדורות — כמלוא־השערה לימין, כמלוא־השערה לשמאל...

רק כמלוא־השערה!

כמו שהוא — אין העולם עולה ואינו יורד, כמוני נע הוא ונד בין השמים הזכים ממעל ובין התהום העכורה מתחת...

וימים רבים יתגוששו הקטיגור עם הסניגור, כהתגושש אור וחושך, חום וקור, חיים ומות...

לא תעמוד לשון הפלס... ונישואין וגיטין, בריתות־מילה והלוויות־מתים, שמחות־מצוה וסעודות־הבראה — לא ישבותו...

ופתאום, ותתעורר הנשמה לקול חצוצרה.

געוואָרן, טײַכן האָבן דאָס געלעגער געביטן, טויזנטער שטערן זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן, מיליאָנען נשמהלעך זײַנען אַרויפֿגעפֿלויגן, — און זײַן ליבער נאָמען האָט זיך אין איר נישט דערמאָנט, און קיין אויסטער־ליש גוטס און שיינס האָט זי נישט געפֿונען...

טראַכט זי בײַ זיך:

די וועלט איז אַזוי אָרעם, די מענטשן — אַזוי מיטלמעסיק און גרוי אויף דער נשמה, און די מעשׂים זייערע זײַנען אַזוי קליין... ווי קומט צו זיי איסטערלישס? אויף אייביק בין איך נע־ונד און פֿאַר־שטויסן!...

נאָר ווי זי טראַכט אַזוי, שלאָגט איר אַ רויטער פֿלאַם אין די אויגן אַרײַן, אין מיטן דער פֿינצטערער, שווערער נאַכט אַ רויטער פֿלאַם.

זי קוקט זיך אום — פֿון אַ הויכן פֿענצטער שלאָגט דער פֿלאַם... גזלנים זײַנען אַ גבֿיר באַפֿאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. איינער האַלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און לײַכט; אַ צווייטער שטייט בײַם גבֿירס ברוסט מיט אַ בליצנדיקן מעסער און חזרט אים אַלץ אין איינעם איבער: „רירסטו דיך, ייִד, איז דײַן סוף! גייט דיר דער שפּיץ פֿון מעסער פֿון יענער זײַט רוקן אַרויס״!... און די רעשט עפֿענט קאַסטנס און שרענק, און רויבט.

און דער ייִד שטייט בײַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קיין ברעם איבער זײַנע קלאָרע אויגן, קיין האָר פֿון דער ווײַסער באָרד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט... נישט זײַן זאַך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען — טראַכט ער — געלויבט איז זײַן הייליקער נאָמען!... מיט דעם ווערט מען נישט געבוירן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבֿר אַרײַן״ — שעפּטשען זײַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רויִק צו, ווי מען עפֿנט דעם לעצטן שופֿלאָד פֿון דער לעצטער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טײַערע כּלים, — און ער שווײַגט...

און אפֿשר איז ער זיי גאָר מפֿקיר!

נאָר פּלוצלינג, אַז די גזלנים טרעפֿן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציִען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע — פֿאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפֿלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשריי טאָן:

— „רירט נישט!״

נאָר אויפֿן אָרט פֿון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פֿון רויכערדיקן בלוט — דאָס מעסער האָט זײַנס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פֿון האַרץ און שפּריצט אויפֿן זעקל אַרויף!

ער פֿאַלט און געשווינד רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט: אומזיסט בלוט פֿאַרגאָסן — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָר נישט פֿון דעם וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז געווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישׂראל־ערד אין קבֿר אַרײַן, און דאָס האָט דער גבֿיר געוואָלט ראַטעווען פֿון פֿרעמדע הענט און אויגן און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

כאַפּט די נשמה אַ פֿאַרבלוטיקטן שטויב פֿון ארץ־ישׂראל־ערד און מעלדט זיך דערמיט בײַ דער פֿאָרטקע אין הימל...

די ערשטע מתּנה איז אָנגענומען געוואָרן.

— געדענק! — האָט דער מלאך צוגערופֿן, פֿאַרמאַכנדיק הינטער איר די פֿאָרטקע פֿון הימל — נאָך צוויי מתּנות!

— גאָט וועט העלפֿן! — האָפּט די נשמה און פֿליט פֿריילעך צוריק אַראָפּ.

די פֿרייד האָט מיט דער צײַט אָבער אויפֿגעהערט. עס זײַנען ווײַטער אַוועק יאָרן און יאָרן, און זי זעט נישט קיין אויסטערליש שיינס... און עס באַפֿאַלן זי צוריק די טרויעריקע געדאַנקען:

ווי אַ לעבעדיקער קוואַל האָט די וועלט אַרויסגעשלאָגן פֿון גאָטס ווילן און רינט און רינט ווײַטער אין דער צײַט. און וואָס ווײַטער זי רינט, מער ערד און שטויב נעמט זי אין זיך אַרײַן; טריבער, אומרייגער ווערט זי; ווייניקער מתּנות געפֿינט מען אויף איר פֿאַרן הימל...

קלענער ווערן די מענטשן, דראָבנער[10] — די מצוות, שטויביקער — די עבֿירות; מעשׂים — נישט מיטן אויג צו דערזען!...

ווען גאָט — טראַכט זי ווײַטער — זאָל הייסן איבערוועגן מיט אַ מאָל די מצוות מיט די עבֿירות פֿון דער גאַנצער וועלט, וואָלט זיך אויך דאָס צינגל קוים געריררט, קוים־קוים געציטערט...

די וועלט קאָן אויך נישט אַראָפּ און נישט אַרויף... זי איז אויך נע־ונד צווישן ליכטיקן הימל און פֿינצטערן שאול תּחתּיה... און דער קטיגור מיטן סניגור וואָלטן זיך דעריבער אייביק געראַנגלט, ווי עס ראַנגלען זיך דאָ אייביק ליכט מיט פֿינצטערקייט, וואַרעמקייט מיט קעלט, לעבן מיט טויט...

זי וויגט זיך די וועלט און קאָן נישט — נישט אַרויף, נישט אַראָפּ, און עס וועלן דעריבער אייביק זײַן חתונות און גטן, בריתן און לוויות, סעודות־מצווה און סעודות־הבֿראה[11]... און ליבשאַפֿט און האַס... אייביק, אייביק...

פּלוצלינג וועקן זיך קולות פֿון טראָמפּייטן און הערנער...

זי קוקט־אַראָפּ — אַ דײַטשישע שטאָט (פֿאַרשטייט זיך, אַ פֿאַרצײַטישע), אַלערליי אויסגעבויגענע דעכער רינגלען־אַרום דאָס פּלאַץ פֿאַרן מאַגיסטראַט, און פֿול מיט פֿאַרשיידנפֿאַרביק־געקליידטע מענטשן אין דאָס פּלאַץ; פֿיל קעפּ אין די פֿענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקנס, וואָס שטאַרןאַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פֿול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען...

פֿאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרינעם טוך מיט גאָלדענע פֿראַנדזן און טראָלבן[12]. בײַם טיש זיצן די הערן פֿון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען[13], אין סויבעלנע היטלען מיט ווײַסע פֿעדערן אויף בריליאַנטענע קנעפּ; אויבן אָן זיצט דער פּרעזידענט אַליין, אַ פּרעסיקער[14] אָדלער ווייט אים איבערן קאָפּ...

אין אַ זײַט שטייט געבונדן אַ ייִדיש מיידל. נישט ווײַט האַלטן צען קנעכט אַ ווילד פֿערד. און דער פּרעזידענט הייבט זיך אויף און לייענט פֿאַרן ייִדישן מיידל אַ פּסק פֿון אַ פּאַפּיר, און ער ווענדט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

„אָט די ייִדין דאָ, די ייִדישע טאָכטער, איז אַ שווערע זינד באַגאַנגען; אַ שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זײַן באַרעמהאַרציקייט זאָל נישט זײַן, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן...

זי האָט זיך אַרויסגעגנבֿעט פֿון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הייליקן לעצטן יום־טובֿ, אויף אונדזערע ריינע גאַסן...

און זי האָט באַפֿלעקט מיט אירע אומפֿאַרשעמטע אויגן אונדזער הייליקע פּראָצעסיע, אונדזערע הייליקע בילדער, וואָס מיר האָבן מיט לויבגעזאַנג און קעסלפּויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

מיט אירע פֿאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פֿון אונדזערע ווײַס געקליידטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פֿון די הייליקע פּויקן... און ווער ווייסט צי האָט דער טײַוול, דער אומריינער טײַוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פֿון דער ייִדישער טאָכטער, פֿון פֿאַרשאָלטענעם רבֿס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפֿלעקט אונדזער אַ ריינקייט?

וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול אין דער שיינער געשטאַלט? וואָרעם לייקענען קאָן איך נישט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טײַוול קאָן זיך מאַכן, — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פֿון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַדענע ברעמען... זעט דאָס אַלאַבאַסטער פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפֿיסה נאָר בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן!... זעט אירע פֿינגער, אירע שמאָלע, לאַנגע פֿינגער פֿון די הענט; די זון לײַכט דורך זיי אַדורך!...

ותשקף למטה, והנה תחתה עיר אשכנזית עתיקה. גגות משונים במראיהם ותבניתם מקיפים את השוק אשר מסביב לבית־הפקידות. והשוק הומה מהמוני אדם, לבושי מכלול, מכהים עין בשלל צבעיהם. ובחלונות ראשים צפופים, ואדם רב על המעקות, ורבים רוכבים על הקורות, היוצאות מן הכתלים תחת הגגות...

ולפני בית־הפקידות שולחן ערוך למשפט, ועליו מפה ירוקה, שוליה זהב וציציותיה זהב. ויועצי בית־הפקידות — שרים, עטופי סמוט, מרוכסי זהב, מסובים אל השולחן; ונוצות לבנות, אחוזות בכפתורי־שוהם מרחפות מעל למצנפות תחש — —

וישב בראש — שר העיר.

מעל לראשו מרחף הפרס...

ומן הצד אל עמוד־הקלון אסורה עלמה עבריה. סמוך לה אוחזים עשרה עבדים סוס פרא, משתובב...

ושר העיר התנשא ויקרא מעל הספר בקול רם את פסק־דינה של הנערה האסורה:

„חטא גדול מנשוא חטאה היהודיה הזאת! גם האדון בכבודו ובעצמו, מקור החסד והרחמים, לא יסלח לה...

„ביום חגנו הקדוש התגנבה ויצאה מן הגיטו לרמוס את חוצות עירנו הטהורה...

„ותטמא החצופה בעיניה הטמאות את תהלוכת־הקודש. ותחלל במבטי טומאתה את פסילי האדון והגברת ואת תמונות הקדושים שנישאו בהמון רב, בשיר ושבח. ותספוג אל תוך אוניה הארורות את הזמירות מפיות ילדינו התמימים, נערינו ונערותינו לבושי הלבנים, ואת קולות התופים הקדושים...

„ומי יודע אם לא השטן, שלבש דמות היהודיה, דמות בת הרב הארור, הושיט יד ונגע באחד מקדשינו לחללו!

„ומה ביקש השטן בדמות היהודיה היפהפיה?

„כי יפה היא, הלא עיניכם הרואות. חן הסטרא־אחרא מתוח עליה; נתקשטה בכל קסמי שאול!

„התבוננו אל עיניה המבריקות מתחת לריסיה הארוכים. לא חשכו במאסר! ראו את פניה, שחָורו בכלא, אך לא נפלו. ראו את אצבעותיה הזכות, הדקות והארוכות, הלא חודרות בעדן קרני־השמש — —

„מה ביקש השטן?

„לקרוע נפשות טהורות מן הסך, להתעות אותן מתהלוכת־הקודש! וחפצו כמעט שהצליח... ראוה שני פרשים, והאחד הפסיק את תפלתו והחטיא את משנהו בשאלתו: מי היא היפה הזאת?!

„והרגישו בה שומרי התהלוכה, ותפשוה!

„וגם לא ניסה השטן לעמוד על נפשו, שליטה לא היתה לו על הטהורים, שהתודו ביום ההוא בבוקר, וקדושת הס, חופפת עליהם — —

„וזה הוא פסק הנערה:

„במחלפת ראשה תקשר אל זנב הסוס, ויותר הסוס, וסחוב יסחבנה במרוצתו על פני הרחוב, שדרכה עליו ברגל טמאה ביום קדשנו... תכבס בדם פצעיה את המרצפת שהכתימה בעיניה הטמאות״ — —

כן גזרה הפקידות.

— כן יקום! הרעים ההמון בחוץ, על הקורות, בחלונות ועל המעקות.

וכעבור גל הקולות, נשאלה הנערה, מה חפצה האחרון ומה תבקש בטרם תצא ליהרג?

שאלה קטנה יש לה: סיכות מספר...

— השתגעה!

— לא! — ענתה הנדונה במנוחה — זאת היא בקשתי האחרונה.

ונתנה לה.

ושר העיר נותן צו:

— אסרוה!

---

ויגש התלין, ויקשור בידים רועדות את מחלפת הנערה בזנב הסוס...

— פנו מקום!

ויפרוץ שאון כהמות מים רבים. העומדים בחוץ נדחקו לאחוריהם ויחָצו, ימין ושמאל, לפנות לסוס דרך...

וידי הכל נשואות, ושוטים ומטפחות הורמו לאיים על הסוס...

ובשעת ההמולה לא ראה איש, מלבד הנשמה הנדחת, שהנדונה גוחנת ורוכסת אל בשר רגליה בסיכות את שפת שמלתה, לבל יגלה בשרה, בסחוב אותה הסוס....

והותר הסוס, המחזיקים בו נסוגו, נפלו אחורנית, וקפץ ממקומו הסוס, וצעקה פרועה פרצה מאלפי פיות, בחוץ, בחלונות, על הקורות והמעקות, ומעל שולחן הפקידות, ומשוטטים ושורקים באויר אלפי שוטים ומטפחות... וישתולל הסוס מפחד, ויעף כסער...

והנערה נסחבת אחריו... נסחבת ומתגלגלת...

והנשמה הנדחת ירדה אליה, ותוצא מבשר רגליה סיכה מאדימה, ותעף למעלה...

ובסבר פנים יפות נתקבלה המתנה השניה...

### ד. המתנה השלישית

— רק עוד מתנה אחת!

אבל הנשמה כבר עיפה.

עוד הפעם נשתנו עתים, נתחלפו זמנים ואין דבר!

עוד יותר שח האדם, שפל האיש, כהו הנשמות, קטנו המעשים...

ושבה הנשמה ליגונה ולמחשבותיה על־דבר משפט העולם...

„השקים הורקו, ועוד מאות בשנים תרעד לשון הפלס ולא תדע מנוח... וסוף־כל־סוף כשתעמוד — תעמוד באמצע...

„לא יכריע כלום... לא יכריע ה„כל־שהוא״ את ה„מה־בכך״!

„ומה יעשה הקדוש־ברוך־הוא?

---

און וואָס האָט ער געוואָלט דער טײַוול? אָפּרײַסן אַ נשמה פֿון דבֿקות אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן:

— זעט דאָס שיינע מיידל! — האָט אויסגערופֿן אונדזערער אַ ריטער פֿון איינער פֿון אונדזערע שענסטע משפּחות...

און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס — האַלעבאַרדני־קעס האָבן זי באַמערקט און געכאַפּט — ער האָט זיך אַפֿילו ניט געווערט, דער טײַוול — וואָרעם, ווי אַזוי? ריין זײַנען זיי דעמאָלט געווען. אָפּגערייניקט פֿון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה ניט געהאַט...

און דאָס איז דעם טײַוולס, אין געשטאַלט פֿון דעם ייִדיש מיידל, פּסק:

צובינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַוולאָנישע צעפּ, צום ווידל פֿון אַט דעם ווילדן פֿערד...

זאָל עס לויפֿן און שלעפּן זי ווי אַ הורג איבער די גאַסן, וואָס אירע פֿיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער, וואָס זי האָט פֿאַראומרייניקט מיט אירע פֿיס״! —

אַ ווילד פֿריידגעשריי האָט זיך אויסגעריסן פֿון אַלע מײַלער אַרום, און אַז די פֿאַליע פֿון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פֿרעגט מען די פֿאַרמשפּטע צום טויט, אויב זי האָט זיך ניט עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינטשן.

— איך האָב! — ענטפֿערט זי געלאַסן — עטלעכע שפּילקעס בעט איך.

— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מיינען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפֿערט זי רויִק און קאַלט — דאָס איז מײַן לעצ־טער ווילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט — בינדט־צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן־צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבֿס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווידל פֿון ווילדן פֿערד, וואָס מען קאָן שוין קוים דערהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ און עס ווערט אַ גערודער. דער עולם שטעלט זיך און דרינגט זיך צו צו די ווענט פֿון די הײַזער, און אַלע הייבן־אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיצרוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פֿערד. יע־דערנס אָטעם איז געשטיקט. אַלע פּנימער פֿלאַמען. אַלע אויגן בליצן. און אין גערודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פֿאַרמשפּטע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פֿונעם קלייד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס זיך אין לײַב — עס זאָל איר לײַב ניט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פֿערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן...

---

באַמערקט האָט עס נאָר די נע־ונדניצע — די נשמה...

— לאָזט דאָס פֿערד! — קאָמאַנדירט דערווײַל ווײַטער דער פּרע־זידענט און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיט אַ מאָל האָט עס זיך אויסגעריסן. און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער, און עס וויִען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיצרוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד איבערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטערגאַסן אַרויס, אַרויס פֿון שטאָט...

און די נשמה, די נע־ונדניצע, האָט שוין אַרויסגעצויגן אַ פֿאַר־בלוטיקטע שפּילקע פֿון דער פֿאַרמשפּטערס פֿוס און פֿליט שוין מיט איר צום הימל אַרויף.

— נאָך איין מתנה און גאַנצן! — טרייסט זי דער מלאך בײַ דער פֿאָרטקע.

און צוריק פֿליט־אַראָפּ די נשמה. אין גאַנצן נאָך איין מתנה דאַרף זי.

און עס גייען ווײַטער אַוועק זמנים און יאָרן, און עס באַפֿאַלט זי ווײַטער אַ מרה־שחורה. די וועלט, דאַכט זיך איר, איז נאָך קלע־נער געוואָרן... נאָך קלענערע מענטשן, נאָך קלענערע מעשׂים... די גוטע ווי די שלעכטע...

„היחזיר את העולם לתוהו ובוהו? — אינו יכול: העבירות לא הכריעו את המצוות...

„היגאל את תבל התֶּבֶל? — אי־אפשר, המצוות לא הכריעו את העבירות!

„ומה יגזור עליה?

„— תלך לה!

„ונוע תנוע גם מכאן ולהבא בין גיהנום וגן־עדן, אהבה ושנאה, דמעות של רחמים ודמי־נקיים — בין אבנים וקברים... וכה לעולם, לעולמי־עולמים...”

אך, כנראה, גברה מדת־הרחמים, והנשמה התעוררה לקול התוף.

אימתי?

איפוא היא?

איננה יודעת עוד את הזמן ואינה מכרת את המקום.

מגרש, מחוץ לעיר, ובית־כלא לפניה.

שחורות הן החומות, אטומים החלונות הקטנים. אך בשׂבכות הברזל מפזזות קרני־השמש. ומחליקות הן ונאחזות בחניתות שבקני־הרובים, העומדים כאלומות על־יד החומה. בידי החיילים — שוטים!

ובשתי שורות הועמדו החיילים מחזיקי השוטים, וקרובות הן השורות זו לזו, ובתוך יעבור הנידון.

מי הוא הנידון?

איש יהודי, כתונת קרועה על בשׂרו הדל, על ראשו השפל והמגולח למחצה יארמולק״ה ישנה.

על מה נתפש האומלל?

מי יודע, אפשר גנב, גזל, רצח... ואולי — עלילת שוא ועדי שקר; לפנים היה הדבר...

הנה הוא!... ועיני החיילים רואות וצוחקות בלאט. למה הובאו הנה והועמדו במספר רבז היעבור את החצי ולא ימות?

והקרבן נדחף לבין השורות — —

והנה הוא הולך בין השוטים המכים ואינו נופל, הולך ואינו כושל... השוטים מצליפים והוא הולך כצל — מה זאת? היתכן? ומתמלאים החיילים חימה. עודו הולך? להכעיסם הוא אומר? והשוטים שורקים באויר, מצליפים ולופתים את הבשׂר כנחשים, וסילוני־דם ניתזים, פורצים — והוא הולך, עודנו הולך!

— הו־הא, הו־האַ!

והוא עודנו הולך.

והנה מקרה: חייל אחד לא כיוון כראוי, ויפיל בשוטו את היארמולק״ה מעל ראש הנידון...

והוא הולך. אך אחרי רגעים מספר הרגיש באבידתו ועמד, כאילו נמלך בדעתו, והחליט: יהי מה ולא ילך בגלוי־הראש. והוא שב על עקביו ונגש אל היארמולק״ה, מרים אותה ומכסה את ראשו ופונה והולך...

וככה הוא הולך והיארמולק״ה בראשו — עד אשר נפל...

ותרד הנשמה הנדחת אל הנופל, ותחטוף מן היארמולק״ה חוט אחד רווה דם המוכה, ותעף לה...

אײן מאָל טראַכט זי:

ווען גאָט, געלויבט זאָל זײַן זײַן נאָמען, זאָל וועלן אַ מאָל אָפּ־שטעלן און סוף כּל סוף משפּטן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַ מאָל... און פֿון אײן זײַט זאָל זיך שטעלן אַ סניגור און שיטן פֿון ווײַסן זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטויבעלעך, און פֿון דער צווייטער זײַט — דער קטיגור זאָל שיטן זײַנע פּיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט און געדויערט אײדער די זעק וואָלטן ליידיק געוואָרן... אַזוי פֿיל קלייניקייטן, אַזוי פֿיל!

אָבער, אַז די זעקעלעך וואָלטן שוין ליידיק געוואָרן, וואָס וואָלט געווען?

דאָס צינגל וואָלט געוויס געבליבן שטיין אין דער מיט!

בײַ אַזוינע קלייניקייטן, בײַ אַזוי פֿיל קלייניקייטן קאָן גאָר נישט איבערוועגן... וואָרעם וואָס? נאָך אַ פֿעדערל, נאָך אַ שטרויעלע, נאָך אַ פּלעזוע, נאָך אַ שטויב!...

און וואָס וואָלט גאָט געטאָן? וואָס וואָלט ער געפּסקנט? צוריק צו תוהו ובוהו? נישט: די עבֿירות וועגן נישט איבער די מצוות...

אויסלייזן? אויך נישט: די מצוות וועגן נישט איבער די עבֿירות... וואָס דען?*

— גיי ווײַטער! — וואָלט ער געזאָגט... — פֿלי ווײַטער צווישן גיהנום און גן־עדן, ליבשאַפֿט און האַס, רחמנותדיקע טרערן און רויכערדיק בלוט... צווישן ווײגן און קבֿרים... ווײַטער, ווײַטער!

דער נשמה איז אָבער באַשערט געווען אויסגעלייזט צו ווערן פֿון די שווערע מחשבֿות — וועקט זי אַ קול פֿון פּויקן...

ווו איז זי, ווען?

זי דערקענט נישט דאָס אָרט, נישט די צײַט...

נאָר אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה זעט זי... צו די אײַזערנע גראַטן אין די קליינע פֿענצטערלעך ציִען שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון... זיי גליטשן זיך אויך אָן די שטיקעס [16] פֿון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — ריי־טער באַקומען...

אין צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: דורך אַ סטראָי [17] וועט מען טרײַבן... וועמען ?

עפּעס אַ ייִדל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַלב־געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַר וואָס קומט עס אים? ווער ווייסט, אַ פֿאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה, און אפֿשר אַ בילבול... עס איז דאָך געווען פֿאַרצײַטן...

און די זעלנערס שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזוי פֿיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויס־האַלטן די העלפֿט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער... און ער גייט גלײַך און שטרויכלט נישט און פֿאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרימצאָרן כאַפּט־אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן: ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פֿײַפֿן אין דער לופֿט ווי די רוחות און כאַפּן־אַרום דאָס לײַב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פֿון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן.

— הו־האַ! הו־האַ!

אין מיטן טרעפֿט דער סאָלדאַט צו הויך און וואַרפֿט דעם פֿאַר־משפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פֿון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס, דער פֿאַרמשפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ ישובֿ, און איז זיך מיישבֿ, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי הראש, און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, ווו די יאַרמולקע ליגט. ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק

**ה. השמחה בגן־עדן**

**המתנה השלישית נתקבלה.... הנשמה תגאל, תגאל...**
**ובגן־העדן רבה השמחה:**
**יפות, יפות הן המתנות...**
**וה„אורים ותומים" מוסיף:**
**— והעיקר שאינן לתשמיש כלל, אלא לנוי בלבד... רק לנוי... כדבעי למהוי...**

מקור עברי

אויס און גייט ווײַטער, רויִק, רויט פֿאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַר־מולקע אויפֿן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פֿאַלט...

און אַז ער איז געפֿאַלן, איז צוגעפֿלויגן די נשמה און געכאַפּט די יאַרמולקע, וואָס האָט אַזוי פֿיל אומזיסטיקע שמיץ געקאָסט, און איז אַרויף מיט איר צו דער פֿאָרטקע פֿון הימל.

און די דריטע מתּנה איז אויך אָנגענומען געוואָרן!

און די צדיקים האָבן זיך פֿאַר איר געמיט: די טויערן פֿון גן־עדן האָבן זיך איר נאָך די דרײַ מתּנות געעפֿנט!

און דער אורים ותומים [18] האָט געזאָגט:

— אמת שיינע מתּנות, אויסטערליש שיינע... צו נוץ קומען זיי נישט, גאָר נישט לתשמיש [19], אָבער לנוי [20] — אויסטערליש.